


# אפזאג אדער אפשטעל באצאלונג און אייער ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן

דער פאקט בלאט זאגט אייך ווי אזוי אפזאג אדער אפשטעל באצאלונג קען אפעקטירן אויף אייער בארעכטיגונג צו באַקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן.

## וואָס ווערט באטראכט אלס אפזאג אדער אפשטעל באצאלונג?

UI געזעץ טייטשט אפ אפזאג באצאלונג אלס באצאלונגען וואס אן ארבעטסגעבער האט געגעבן פאר אן ארבעטער צוליב אפשטעל פון ארבעט. אפשטעל באצאלונג ווערט באטראכט אלס אפזאג באצאלונג. עס קען געמאכט ווערן אלס א סעריע באצאלונגען אדער אלס אן איינמאליגע סומע.

אפשטעל\אפזאג באצאלונג נעמט נישט אריין קיין באצאלונגען פאר פענסיע, רעטייערמענט, אנגעזאמלטע אפוועזנהייט צייט און העלט אינשורענס אדער באצאלונגען פאר צוגאבע ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן.

WARN באצאלונג - באצאלונגען געמאכט אונטער די ווארקער אדזשאסטמענט און ריטרעינינג נאטיפיקעישאן אקט (ארטיקל 25-A פונעם לעיבאר געזעץ) - ווערט נישט באטראכט אלס אפשטעל\ אפזאג באצאלונג. דער WARN אקט זאגט אז מען קען נישט אפזאג אדער פארמינערן קיין UI בענעפיטן צוליב באצאלונגען וואס מען האט באקומען אונטער די WARN אקט.

## ווערט אפזאג \ אפשטעל וואס איז באצאלט געווארן אלס אן איינמאליגע סומע באהאנדלט אנדערש ווי באצאלונגען וואס זענען געמאכט געווארן אין פארלויף פון א שטיק צייט?

ניין. סיי וועלכע אפזאג\אפשטעל באצאלונג וואס איר באקומט אינערהאלב 30 טעג פון אייער לעצטע טאג פון ארבעט, סיי אויב עס איז אלס אן איינמאליגע סומע און סיי אויב עס איז אין באצאלונגען וואס זענען געמאכט געווארן אין פארלויף פון א שטיק צייט, קענען אפעקטירן אייערע בענעפיטן אונטער UI רעפארם.

געווענליך, וועט דער צייט אפשניט וואס דער איינמאליגע סומע דעקט זיין קלאר ארויסגעשריבן אין אייער אפשטעל\אפזאג באצאלונג אפמאך אדער פלאן. אויב עס איז נישט, וועט די דעפארטמענט און ווא לעיבאר'ס טעלעפאן קלעימס צענטער באשטימען די צייט אפשניט וואס די איינמאליגע סומע דעקט. זיי וועלן קוקן אויף אייער פאקטישע גראס דורכשניטליכע וועכנטליכע באצאלונג אדער די גראס דורכשניטליכע וועכנטליכע באצאלונג פון אייער העכסט-פארדינענדע קאלענדער פערטל אין אייער באזע-צייט אפשניט* כדי צו באשטימען די לענג פון צייט געדעקט דורך די איינמאליגע סומע אפזאג\ אפשטעל באצאלונג.

## אויב איך באַקום אפזאג \ אפשטעל באצאלונג, ווי אזוי וועט עס אפעקטירן מיינע בענעפיטן?

אויב איר באקומט אפזאג\אפשטעל באצאלונג ביז 30 טעג פון אייער לעצטע טאג פון ארבעט, וועט איר נישט זיין בארעכטיגט פאר קיין בענעפיטן זאפארט אויב:

- אייערע וועכנטליכע אפזאג\אפשטעל באצאלונגען זענען מער ווי דער מאקסימום וועכנטליכע UI בענעפיטן ראטע

  אדער

- אייער ארבעטסגעבער האט אייך געגעבן אן איינמאליגע סומע און די וועכנטליכע פאראויס-גערעכנטע סומע פונעם באצאלונג איז מער ווי דער מאקסימום וועכנטליכע UI בענעפיטן ראטע

איר קענט זיין בארעכטיגט צו נעמען בענעפיטן אויב:

- די וועכנטליכע סומע פון אפזאג\אפשטעל באצאלונג איז די זעלבע אדער ווייניגער ווי דער מאקסימום וועכנטליכע UI בענעפיטן ראטע

  אדער

- די אפזאג\אפשטעל באצאלונגען ווערן אפגעשטעלט און איר האט געענדיגט פארדינסטן אינעם באזע-צייט אפשניט* צ פעסטשטעלן א קלעים

אויב איר באקומט אייער ערשטע אפזאג\אפשטעל באצאלונג מער ווי 30 טעג נאך דעם לעצטן טאג וואס איר האט געארבעט, וועט איר זיין בארעכטיגט צו באקומען UI בענעפיטן אויב איר קומט נאך די אנדערע בארעכטיגונג פאדערונגען.

אויב איר זענט נישט זיכער אויב איר וועט באקומען אפזאג\אפשטעל באצאלונג, זאלט איר פייל'ן פאר בענעפיטן און אונז לאזן באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט. פונדעסטוועגן, מוזט איר רופן די טעלעפאן קלעימס צענטער זאפארט אויב איר באקומט אפזאג\ אפשטעל באצאלונג ביז 30 טעג פון אייער לעצטע טאג פון ארבעט. אויב איר רופט נישט זאפארט, קענט איר באקומען אן איבערצאלונג פון בענעפיטן וועלכע איר וועט דארפן צוריקבאצאלן. איר קענט אויך זיין אויסגעשטעלט צו אנדערע שטראפן.

## ווי אזוי ווייס איך וואס מיין לעצטע טאג פון ארבעט איז געווען פאר צוועקן פון אפזאג\אפשטעל באצאלונג?

אייער לעצטע טאג פון ארבעט איז דער לעצטער טאג וואס איר האט פאקטיש געארבעט אדער זענט געווען אויף באצאלטע אורלויב, אזוי ווי א פלאנירטע וואקאציע אדער מעדיצינישע אורלויב.

## װעל איך זײן בארעכטיגט פאר טרעיד עדזשאסטמענט אסיסטענס (TAA) אדער טרעיד ריעדזשאסטמענט אלאוענסעס (TRA) אויב איך באקום אפזאג\אפשטעל באצאלונג?

באקומען אפשטעל באצאלונג אפעקטירט נישט אייער בארעכטיגונג פאר TAA. פונדעסטוועגן, וועט עס אפעקטירן אייער בארעכטיגונג צו באקומען TRA. TRA איז א וועכנטליכע אלאוענס וואס קען באצאלט ווערן נאך וואס אייער בארעכטיגונג פאר UI בענעפיטן האט זיך אויסגענוצט. כדי צו זיין בארעכטיגט פאר TRA, מוזט איר ערשט זיין בארעכטיגט פאר UI בענעפיטן. דאס מיינט אז איר וועט נישט זיין בארעכטיגט פאר TRA אויב באקומען אפזאג\אפשטעל באצאלונג האט אייך געמאכט אומבארעכטיגט פאר UI בענעפיטן.

ביטע באמערקט: כאטש איר קענט אין אנהויב מעגליך נישט זיין בארעכטיגט פאר UI בענעפיטן בשעת איר באקומט אפזאג\אפשטעל באצאלונג, קענט איר ווערן בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן ווען אייער אפזאג\אפשטעל באצאלונגען ענדיגן זיך.

## קען אפזאג\אפשטעל באצאלונג ווערן גענוצט צו אוועקשטעלן א נייע קלעים נאכדעם וואס די אפזאג\אפשטעל באצאלונג ענדיגט זיך?

ניין. נאר וועידזשעס אדער פארדינסטן פאר פאקטישע ארבעט בשעת די באזע-צייט אפשניט* פון א נייע קלעים קען ווערן גענוצט צו אוועקשטעלן א נייע קלעים.

פאַר מער אינפאָרמאַציע איבער אפזאג\אפשטעל באצאלונג, ביטע זעט די אפט געפרעגטע פראגעס אויף אונזער וועבסייט אויף www.labor.ny.gov/ui/claimantinfo/reform-faq.shtm.

*באזע צייט-אפשניט: פיר פולקאמע קאלענדער פערטלעך אין וועלכע מען האט אייך באצאלט א מינימום סומע פון וועידזשעס צו קוואליפיצירן פאר UI בענעפיטן.